# אַלמאַנאַך

## פּאריז — 1955

רעדאקציע־קאָלעגיע :

ל. דאָמאַנקעוויטש
א. ווייִן (סעקרעטאר)
יוסף מילנער
באָרווין פרענקעל
משולם לעווין

ארויסגעגעבן דורכן
פאַריין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך
1955

הילע פּראָיעקטירט
און אויסגעפירט
דורכן קינסטלער
הענריק בערלעווי



מ. כוואַט משה אויפֿן באַרג סיני

הענריק בערלעווי

# דער זיג־זאַג פֿון דער יידישער קונסט




אויטאָ־פּאָרטרעט

זייער פיל טינט איז שוין פֿארגאָסן געוואָרן אויף דער טעמע „יידישע קונסט"... זאָל מיר דעריבער דערלויבט זיין צוצוגיסן אַ פּאָר באַשיידענע טראָפּן צו דעם דאָזיקן זייער פֿאַרפּלאָנטערטן ענין, וואָס הערט נישט אויף אונז צו מאַטערן.

די פּראָבלעמאַטיק פֿון דער יידישער קונסט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע. מיר באַזיצן שוין היינט־צו־טאָג אַ היפּשע צאָל ביכער, מאָנאָגראַפֿיעס, עסייען און אָפּהאַנדלונגען געווידמעט דער דאָזיקער טעמע נישט נאָר אין יידיש נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן. די באַדייטנדסטע געלערנטע, אַרכעאָלאָגן, קונסט־היסטאָריקער און קונסט־קריטיקער הערן נישט אויף זיך צו גריבלען אין דעם סוד פֿון יידישער קונסט : איר גענעזע, איר געשיכטלעכע עוואָלוציע, איר ספּעציפֿישקייט. זיי פֿאַרנעמען זיך אויך מיט דעם ביישטייער פֿון יידן אין דער היינטצייטיקער, אייראָפּעאישער קונסט.

בעת מיר קאָנפֿראָנטירן פֿאַרשידענע טעזן וואָס שיילן זיך אויס פֿון דעם פּילפֿאַרביקן, היסטאָריש־קריטישן מאַטעריאַל, וועגן יידישער קונסט, שווימט אַרויס אַ פּרינציפּיעלער וויכוח : געוויסע קונסט־קענער באַהויפּטן קאַטעגאָריש, אַז עס עקזיסטירט יאָ אַ יידישע קונסט; אַנדערע ווידער צווייפֿלען אין דעם און פּראָקלאַמירן, אַז ס'עקזיסטירן נאָר יידישע קינסטלער, אָדער בעסער געזאָגט יידן־קינסטלער און די ווערק וואָס זיי שאַפֿן זענען נישט מחויב צוליב דעם צו זיין דורכאויס יידיש.

איך פּרעטענדיר דאָ נישט אין די ראַמען פון אַ קורצער אָפּהאַנדלונג צו לייזן ענטגילטיק די דאָזיקע פראַגע; עס וואָלט געווען אַ צו געוואַגטער שריט און גלייכציטיק צו סימפּליסטיש. דאָס, וואָס איך האַלט אָבער יאָ פאַר וויכטיק, דאָס איז צו מאַכן מיט דעם לייענער אַ קליינעם שפּאַציר איבער די זיג־זאַגישע וועגן וואָס פירן דורך דעם פאַרכישופטן לאַבירינט פון דער יידישער קונסט. איך האָב בדעה פאַנאַנדערצוּוויקלען פאַר זיינע אויגן די פאַרשידענע אַספּעקטן פון יידישן קינסטלערישן שאַפן, דורכפירן געוויסע פּאַראַלעלן, איבערלאָזנדיק אים אַליין צו מאַכן די געהעריקע מסקנות.

ווען מיר זאָגן צום ביישפּיל : גריכישע קונסט, פאַרשטייען מיר גלייך אונטער דעם וואָרט דעם סך־הכּל פון אייגנשאַפטן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטיקער גריכישער קונסט. דאָס זענען אייגנשאַפטן וואָס רעדוצירן זיך אין איין איינציקע דיפיניציע : דער גריכישער סטיל.

אַנאַלאָגישע אַסאָציאַציעס שאַפן זיך גלייך אין אונז ווען מיר זאָגן : איטאַליענישער רענעסאַנס, פלעמישע פּרימיטיוון, אָדער פראַנצויזישער ראָקאָקאָ.

די באַצייכנונג פון קונסט דורך אַ נאַציאָנאַלע עטיקעט מוז זיין באַגרינדעט אויף אַ געוויסן סך־הכּל פון כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וועלכע דעטערמינירן אַ נאַציאָנאַלן סטיל. אָט די ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן דערלויבן אונז צו געפונען פאַר די אַלע ווערק פון אַ פאָלק, צעוואָרפענע אין דער צייט און רוים — די דיפיניציע פון אַ נאַציאָנאַלער קונסט.

דאַקעגן, ווען מיר זאָגן צום ביישפּיל : פראַנצויזישער קינסטלער, באַדייט דאָס נישט, אַז דערזעלבער מוז שאַפן אַ טיפּיש פראַנצויזישע קונסט; אַז זיין ווערק מוז באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון דער גרויסער פראַנצויזישע טראַדיציע. עס קאָן אפילו אַמאָל געמאָלט זיין, אַז זיין ווערק באַזיצט נישט דעם מינדעסטן שפּור פון דעם פראַנצויזישן קינסטלערישן זשעני, זייענדיק אַדורכגעדרינגען מיט פרעמדע איינפלוסן, און ניוועלירט צו אַ געוויסער דורכשניטלעכקייט.

די בעסטע אילוסטראַציע צו אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל פון דורכשניטלעכקייט, איז דער יערלעכער סאַלאָן פון די פראַנצויזישע קינסטלער. נישט קוקנדיק אויף דער פּאָמפּהאַפטער באַצייכנונג פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, באַזיצן לרוב קינסטלער, וואָס שטעלן אויס יערלעך גאַנצע קילאָמעטערס מאָלעריען, קיין שום שפּור פון אַ נאַציאָנאַל פראַנצויזישן גייסט. און אויב אפילו זיי שילדערן אין זייערע ווערק פּאַטריאָטישע סצענעס אָדער גלאָריפיצירן זייער פאָטערלאַנד, איז נאָך דערפון נישט געדרונגען, אַז זיי שאַפן פראַנצויזישע קונסט. וואָרום עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין דעם „וואָס", נאָר אין דעם „ווי". נאַציאָנאַלקייט ליגט מער אין דעם אופן פון זען, ווי אין דעם וואָס מען זעט.

דעריבער זענען טאַקע לרוב פראַנצויזישע קינסטלער, וואָס שטעלן אויס אין די גרויסע יערלעכע סאַלאָנען, נישט מער ווי טרעגערס פון אַ סטאַנדאַריזירטן



קאָנווענציאָנאַליזם (פון רעכטס ביז לינקס), וועלכער איז כמעט דערזעלבער אין אַלע לענדער.

דאַקעגן, זענען אַזעלכע קינסטלער, ווי : קאָראָ, קורבע, מאַנע, רענואַר, מאָנע, דעגאַ, טולוז־לאָטרעק און באַזונדערס סעזאַן, — חוץ זייער שטאַרקער אינדיווידואַליטעט, גלייכציטיק די אָפּשפּיגלונג פון דעם עכטן פראַנצויזישן מאָלערישן זשעני, זיי זענען די אמתע יורשים פון אַן אַלטער רומפולער קונסט־טראַדיציע און דריקן אויס, יעדער אויף זיין שטייגער, דעם פראַנצויזישן גייסט.

און ווידער אַן אַנדערער פאַל : אַזאַ מאָלער ווי פּיסאַראָ, וועלכער איז געווען אַ ייד, געהערט אָבער מיט זיין גאַנצן וועזן צו דער פראַנצויזישער קונסט. צוזאַמען מיט רענואַר און קלאָד מאָנע שאַפט ער דעם וווּנדערלעכן „דרייעק" פון דער מאַגישער פּריזמע דורך וועלכער עס שטראַלט אַרויס, אין זיין גאַנצער, קאָלאָריסטישער רייכקייט — די געטלעכע וועלט. ער איז איינער פון די באַדייטנדסטע פאָרשטייער פון דעם פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם, אָבער מיט יידישע קונסט האָט ער, נישט קוקנדיק וואָס ער איז אַ ייד — גאָרנישט צו טון. און דאָך... מיין איך, ווען מען וואָלט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז אַריינגעקוקט און אַריינגעדרונגען אין דעם סובטעלן מעכאַניזם פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס, וואָלטן מיר זיכער אַנטדעקט עפּעס יידישעס — „דאָס פּינטעלע ייד", ווייל זיכער שווימען אַרום אין זיינע ווערק, אמת, גאַנץ אומבאַוווּסט, געוויסע אייגנשאַפטן וואָס האָבן שוין אַ שייכות מיט דער יידישער פּסיכיק. אָבער, דאָס איז שוין, ווי די פראַנצויזן זאָגן, „איבערשניידן די האָר אויף פיר". דאָס געהערט שוין צו דער פּסיכאָלאָגיע פון קינסטלערישן שאַפונגס־פּראָצעס גופא, אין וועלכן עס שפּילן אַ ראָלע געוויסע ראַסן־ און אַטאַוויסטישע אייגנשאַפטן, וואָס ווירקן שוין אין אונזער אונטערבאַוווּסטזיין. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אגב, זייער אַן אינטערעסאַנטער, אָבער פון ריין פאָרמעלן שטאַנדפּונקט, ד. ה. אַזוי ווי פּיסאַראָס בילדער אַנטפּלעקן זיך פאַר אונזער אויג מיט זיין וווּנדערבאַרער האַרמאָניע, דורכזיכטיקייט, לייכטקייט, צאַרטקייט, קענען מיר זיי אַנדערש נישט באַטראַכטן ווי אַ פּראָדוקט פון אַ נאַציאָנאַל פראַנצויזישע קונסט.

אָבער פּיסאַראָ איז און בלייבט פאַר אונז אַ ייד און דערמיט קענען מיר שוין מיט שטאָלץ באַרייכערן אונזער נאַציאָנאַלן גייסטיקן פּאַנטעאָן מיט זיין נאָמען.

**

צוריקגייענדיק צו אונזער זיג־זאַגישן ענין מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַלע קלאַסירונגען בכלל און וואָס שייך יידישע קונסט בפרט הערשט אַ גרויסע קאָנפוזיע. מען איז זייער גענייגט צו פאַראַלגעמיינערן געוויסע איינצעלנע פאַלן און זיי אונטערוואַרפן אונטער אַ נאַציאָנאַלן עטיקעט.

זייער אָפט האָט מען אויך ביי אונז די טבע צונויפצומישן יידישע טעמאַטיק

מיט יידישע קונסט. יידישע טעמע — דאס איז טאקע איינער פון די אספעקטן פון דעם קאמפליצירטן פראבלעם.

ווען מיט אן ערך 36 יאר צוריק, האבן מיר צוזאמען מיט אסטושעגא, וויינטרויב, פרידמאן, מינקאווסקי ארגאניזירט אין ווארשע די ערשטע יידישע אויסשטעלונג, האבן מיר לאנג דיסקוטירט וועגן דעם נאמען: אויסשטעלונג פון יידישע קונסט אדער אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלער? מיר האבן אויסגעקליבן די צווייטע פארמולע. און ווען מיר האבן שפעטער געגרינדעט די „יידישע געזעלשאפט צו פארשפרייטן קונסט" האבן מיר זיך געהיטן צו זאגן „יידישע קונסט".

די דאזיקע פארזיכטיקייט ביים באנוצן פון טערמינען איז אונז דיקטירט געווארן דורך א געוויסער לינגוויסטישער פרעציזקייט. מיר האבן נישט געוואלט מיט אמאל דערשיינען צו פרעטענציעז, מיר האבן זיך נאר באגרענעצט מיט ריין קינסטלערישע באטראכטונגען. און נישט מיט קיין נאציאנאליסטישער. מיר האבן אין דער ערשטער ליניע געוואלט פארשפרייטן סתם קונסט אויף דער יידישער גאס.

אין אונזער באשיידנקייט האבן מיר נישט געוואגט צו פרעטענדירן אויף יידישער קונסט — אזוי הייליק האבן מיר געהאלטן דאס ווארט!

אמת, מיר יידישע קינסטלער אין פוילן, האבן געשטרעבט מיט אונזער גאנצער התלהבות צו א נאציאנאלע קונסט, א קונסט וואס זאל אויסדריקן די סודותפולע וויבראציעס פון אונזער נשמה, אונזערע טיפסטע בענקשאפטן, אונזערע לײדן און פרײדן. מיר האבן געחלומט און געשטרעבט צו א יידישע קונסט, וואס זאל באזיצן אן אייגענעם סטיל! ס'האבן טאקע נישט געפעלט קיין קוואלן פון וואנען צו שעפן אינספיראציע! דער גרויסער רעזערוואר פון פוילישן יידנטום מיט זיין רייכן פאלקלאר, וואס האט זיך אזוי וואונדערבאר מאניפעסטירט אין די פאלקס־לידער, אין די מינהגים, אין דער קליידונג, אין דעם טראדיציאנעלן פאמיליען־לעבן פון די פאלקסמאסן; מיט זיין רייכער פאעזיע וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף די קליינע פארחלומטע יידישע שטעטלעך...

מיר דארפן אויך נישט פארגעסן, אז דער גרעסטער טייל פון די דריי און האלב מיליאן יידן, וואס זענען במשך פון הונדערטער יארן געווען איינגעבירגערט אין פוילישן לאנד, האבן זיך אויסגעטיילט פון דער אויטאכטאנישער באפעלקערונג מיט זייערע מלבושים. דעם דאזיקן פאקט טאר מען נישט גרינגשעצן ביים פארשן די גענעזע פונעם קינסטלערישן שאפן ביי יידן אין פוילן. אפגעזען פון דעם אייגנארטיקן לעבנס־שטייגער, שוין פון ריין קאסטיומאלאגישן שטאנדפונקט האט דאס פוילישע יידנטום (באזונדערס אין אמאליקן קאנגרעס־פוילן און גאליציע) מיט זיך פארגעשטעלט א זייער רייכע גאמע פון עקזאטישע אריגינאליטעט, וואס האט שארף קאנטראסטירט מיט דער אייראפעאישער סטאנדאריזירטער קליידונג. מען וועט נאך אמאל שפעטער דארפן זיך אפשטעלן אויף



דעם איינפלוס וואס די דאזיקע קאסטיומאלאגישע אייגנארטיקייט האט טאקע געווירקט אין א געוויסער מאס אויף דער אנטוויקלונג פון דער יידישער טעאטער־קונסט.

מיט איין ווארט: די ברייטע יידישע פאלקס־מאסן, צעווארפן אין שטעט און שטעטלעך פון אמאליקן פוילן — זענען געווען אן אומדערשעפבארער קוואל פון קינסטלערישע אנרעגונגען.

איך מוז דא צוגעבן, אז צומארגנס נאך דעם ערשטן וועלט־קריג זענען מיר, יונגע יידישע קינסטלער, געווען אסימילירט אין דער פוילישער קונסט; מיר זענען געווען דורכגעדרונגען פון דער פוילישער קולטור, מיר האבן מיטגעטרוימט און שפעטער מיטגעלעבט די פוילישע ווידעראויפוואכונג און מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט. אבער גראד דעמאלט, צוליב פארשידענע סאציאל־פאליטישע סיבות (איבער וועלכע ס'איז נישט דא דער פלאץ זיך אפצושטעלן), האבן מיר גלייכצייטיק דערפילט אין אונזערע הערצער די גרויסע ליבשאפט און צוגעבונדנקייט צום יידישן פאלק, צו זיינע לײדן און פרײדן. מיר האבן פלוצלינג אנטדעקט דעם צויבער פון יידישקייט, מיר זענען מיטגעריסן געווארן דורך דער גרויסער גייסטיקער עמאנציפאציע־באוועגונג; דורך דער ווידער־אויפלעבונג פון אונזער נאציאנאלן באוווסטזיין און אויך דורכן קאמף פון די יידישע ארבעטנדיקע מאסן פאר סאציאלע גערעכטיקייט. מיר, האלב־אסימילירטע יידישע קינסטלער, האבן זיך צוריקגעקערט צום פאלק. דאס איז געווען, אזוי צו זאגן א היפוכדיקע עמאנציפאציע. מיר האבן מיטאמאל אפגעטרייסלט פון זיך די אסימילאטארישע פאליטור מיט איר גאנצן פארפירערישן גלאנץ.

אנאלאגישע דערשיינונגען האבן אויך אויפגעטויכט אין אוקראינע, אויף די „קרעסן" און אין סאוועט־רוסלאנד. א מעכטיקע רענעסאנס־כוואליע האט פארשלונגען די יידישע קינסטלער, בפרט צומארגנס נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע. אזעלכע קינסטלער ווי: ליסיצקי, טשייקאוו, ריבאק, נאטאן אלטמאן האבן זיך מיטאמאל דערפילט ווי יידן. זיי זענען געווארן מיטאמאל באצויבערט פונעם יידישן פאלקלאר; פון דער אייגנארטיקער יידישער עקזאטיק, וועלכע האט זיך פאר זייערע אויגן מיטאמאל אנטפלעקט.

זיי האבן טאקע באלד געשאפן זייער אינטערעסאנטע ווערק, באזונדערס אויפן געביט פון גראפיק און טעאטער־דעקאראציע, — ווערק, וואס באזיצן א ספעציפיש יידישן כאראקטער. באזונדערס — די אילוסטראציעס פון ליסיצקי צו „יינגל, צינגל, כוואט" (מאני לייב), די ארנאמענטאלע טראנספאזיציעס פון נאטאן אלטמאן, די קוביסטישע סטיליזאציעס פון יידישע שולן און טיפן פון ריבאק, דארפן גילטן ווי זייער אינטערעסאנטע פרוון צום ווידעראויפלעבן פון דער יידישער פאלקס־קונסט.

איינער פון די וויכטיקסטע און דעצידירנדיקסטע פאקטארן אין אונזער נאציאנאלן קינסטלערישן אויפשוווּנג איז געווען אן שום צווייפל די אויפפירונג

דורך דער ווילנער־טרופע צו די שלושים פון ש. אנסקי (ווארשע, 1920) פון זיין דראמע „דער דיבוק". דער דאזיקער ספעקטאקל, פול מיט יידישער מיסטיק, הסידישן עקסטאז און פאלקסטימלעכער גראטעסקייט איז געווען פאר אונז א גרויסע איבערלעבונג. ער האט געעפנט נייע פערספעקטיוון פאר אמתע יידישע קונסט. א לאנגע צייט טאקע נאך דער אויפפירונג האבן די געשטאלטן פון דעם מיראפאלער צדיק, פון לאהן און חנן, פון דעם משולח און אפילו פון די סטאטיסטן און קלעזמארים, אזוי ווי געשפענסטער נישט אויפגעהערט אונז צו פארפאלגן.

אין פארגלייך מיט דער שפעטערדיקער „הבימה"־אויפפירונג איז דער ווארשעווער „דיבוק" געווען אפשר ארימער, באשיידענער, אבער פון שטאנדפונקט פון עכטקייט, פון דערשיטערנדיקער עמאציאנעלקייט האט אונזער „דיבוק" דערגרייכט דעם העכסטן שטאפל פון קינסטלערישער דערהויבנקייט און שלימות. מיין גרויסער פריינט, דער רעזשיסער דוד הערמאן, האט באמת באוויזן במשך פון 30 טעג נאך אנסקיס טויט, איינעם פון די גרעסטע וואונדערס אויפן געביט פון יידישן טעאטער. די שעהן, וואס איך האב דעמאלט פארבראכט ביי די פראבן, בלייבן שטענדיק לעבעדיק אין מיין זכרון, ווי קינסטלערישע איבערלעבונגען פון דער העכסטער מדרגה.

דער „דיבוק" האט געעפנט פאר אונז א גאנץ אומבאקאנטע וועלט. איך גע־



דריי בטלנים פון אנסקיס „דיבוק" אין דוד הערמאנס אויפפירונג



דענק ווי מיין פריינט, דער מאלער וויינטרויב, וועמען איך האב צוגעצויגן צו דער ארבעט אין דער ווילנער טרופע, איז אזוי געווען באאיינפלוסט דורכן „דיבוק", אז ער האט אין יענער צייט אויסגעפירט פאר דעם באקאנטן קונסט־מעצענאט, נפתלי פריוועס, א פרעכטיקן פרעסק, וואס האט פארגעשטעלט שלוש־סעודות יידן ביי א טיש, שפיציק־קוביסטיש און דערביי פאלקסטימלעך חסידיש.

שפעטער ווידער (אין 1926) האבן אונזערע קינסטלערישע שטרעבונגען געפונען א דאנקבאר פעלד אינעם קליין־קונסט־טעאטער „אזאזעל".

א חוץ ווארשע איז געווען נאך א צווייטער גרויסער קינסטלערישער צענטער: לאדזש. דארט, אויפן הינטערגרונט פון פאבריק־קוימענס האבן א גרופע התלהבותדיקע קונסט־פאנאטיקער און פאעטן, ווי: יאנקעל אדלער, בארצינסקי, וויצעק ברוינער, מארעק שווארץ און משה בראדערזאן געגרינדעט א באוועגונג „יונג־יידיש" (1916־1919). זיי האבן ארויסגעגעבן אן אינטערעסאנטן זשורנאל וואס האט געטראגן דעם זעלבן נאמען, אין וועלכן ס'זענען פארעפנטלעכט געווארן אריגינעלע לינאלעאום־שניטן, עסייען און דיכטונגען. ס'זענען צוגעצויגן געווארן א רייע יונגע דיכטער און קינסטלער, ווי: קאצענעלסאן, זשיטניצקי, ניימאן, חיים לייב פוקס, אורי צבי גרינבערג, דוד זעלמאן, ישראל שטערן, מלך ראוויטש, אלימלך שמולעוויטש, ישראל שטורם, חיים קרול א. א.

באאיינפלוסט פון די מאדערנע עקספרעסיאניסטישע שטרעבונגען און פארכאפט פון דעם וואקסנדיקן נעא־חסידיזם, האט דער דאזיקער רעוואלוציאנערער זשורנאל „יונג־יידיש" זיך געשטעלט די אויפגאבע צו באנייען די יידישע קונסט. דאס איז געווען אן אינטערעסאנטער פרווו צו פאראייניקן די אלע עקספערימענטן און זוכענישן פון פלאסטיק, גראפיק און דיכטונג אין איין סינטעז פון יידישקייט.

ס'וואלט געווען אומגערעכט, ווען איך וואלט נישט דערמאנט, דא, ביי דער געלעגנהייט, דעם נאמען פון קראטקא, וועלכער האט נאך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געשטרעבט אין זיינע סקולפטורן און גראפיק ארויסצוברענגען דעם יידישן גייסט. און אין דעם זין דארפן מיר האלטן קראטקאן ווי א פארגייער פון דער קונסט־באנייאונג ביי אונז יידן אין פוילן.

צום באדויערן, האט אבער די דאזיקע גלאנץ־עפאכע, וואס איך וועל א נאמען געבן „דער יידישער רענעסאנס", נישט לאנג געדויערט. נאר וואס אנגעהויבן צו שטעלן די ערשטע, נאך אומזיכערע אבער דערפאר באפליגלטע טריט באגלייט מיט יוגנטלעכן ענטוזיאזם, האט שוין די יידישע קונסט בייגעווינט דעמאלט נייע מאדערניסטישע שטורמען.

אין רוסלאנד האבן זיך ביסלעכווייז דורכגעשניטן א וועג דער קאנסטרוקטיוויזם און סופרעמאטיזם, בטל־מאכנדיק די עכט יידישע קינסטלערישע דערגרייכונגען. מיר זעען טאקע באלד ליסיצקין פארלאזן זיינע יידישע בוך־אילוסטראציעס בכדי זיך אפצוגעבן דער אבסטראקטער מאלעריי.

אין פּוילן האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע דערשיינונג: נאָך אַ קורצן אויפבליאונגס־פּעריאָד פון אַ ריין ייִדישן שטייגער האָט די קונסט אָנגעהויבן ווידער באַאיינפלוסט צו ווערן פון אוניווערסאַלע פּראָבלעמען.

אין יעדן פאַל — און דאָס איז שוין אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט — איז אין דער עפּאָכע וואָס סיטואירט זיך צווישן די צוויי וועלט מלחמות, פאָרגעקומען באַדייטנדיקע ענדערונגען אויפן געביט פון ייִדישער קונסט. אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג און פאַרביטערטן קאַמף פאַר סאָציאַל־פּאָליטישע רעכט, האָבן די ברייטע ייִדישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן, אוקראַינע און אויף די קרעסן, זיך אויפגעהויבן אויף אַ העכערן קולטורעלן שטאַפּל. דער דאָזיקער קורצער פּעריאָד וואָס ציט זיך דורך אַ צוויי צענדליק יאָר איז אומגעהויער רייך אין גייסטיקע דעראָבערונגען און קען מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי דער גייסטיקער רענעסאַנס פון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום. זיין היסטאָרישע באַדייטונג איז זייער גרויס און וועט נאָך ווייט אין דער צוקונפט דינען ווי אַ ביישפּיל פון אַן אומגעהויערן שעפערישן ווילן און גייסטיקער זעלבסט־באַשטימונג.

אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן רענעסאַנס מוזן מיר אויך אַריינשליסן די קונסט פון מאַרק שאַגאַל. ווי איך האָב שוין ביי אַנדערע געלעגנהייטן געשריבן*), פּערסאָניפיצירט ער אַמבולמסטן, הויפּטזאַכלעך אין זיינע אַלטע ווערק, די אַלע גייסטיקע און פאָרמעלע שטרעבונגען פון אונזער דור צו אַ ייִדישע קונסט. „דער גרינער ייִד", „דער ייִד וואָס וואַנדערט איבער די דעכער", „דער קלעזמער" און אַ גאַנצע רייע אַנדערע בילדער מיט אַ ייִדישן סיוזשעט זענען טאַקע דער אויסדרוק פון ייִדישער בענקשאַפט, הומאָר, מיסטיק, סאַטירע, נאַאיוויטעט און גראָטעסק. אָט די אַלע שטריכן וואָס זענען טיף איינגעוואָרצלט אין דער ייִדישער נשמה. די דאָזיקע בילדער קענען מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי אַ ייִדישע קונסט, נישט אָבער דערפאַר, וואָס זיי שטעלן פאָר די ייִדישע טעמע, נאָר אַ דאַנק דעם ספּעציפיש ייִדישן גייסט, וואָס שטראַלט פון זיי אַרויס, אַ דאַנק דער פאָרם, דעם נאַאיוון און גלייכצייטיק ראַפינירטן גראַפיזם, אַ דאַנק אויך דער אומרעאַלקייט פון פאַרבן, וואָס דערמאָנט טיילמאָל די אַלטע סינאַגאָגאַלע פרעסקן און מיטלאַלטערלעכע, אילומינירטע כתב־ידן.

**

און אַזוי, ווי איך האָב דאָ דערמאָנט דאָס וואָרט „טעמע", וואָלט איך וועלן דאָ באַרירן דעם אייביקן וויכוח: טעמע און פאָרם.

מען האָט אָפט די טבע צו אידענטיפיצירן ייִדישע טעמע מיט ייִדישע קונסט. דאָס איז אין פּרינציפּ אַ פעלער. (כאָטש אויך דאָ, ווי אומעטום, איז דער פּרינציפּ פאַרלייקנט דורך געוויסע פאַלן וואָס דאָס לעבן אַליין ברענגט).

---

*) זע: „מילגרוים" בערלין 1922, העפט 3; „בעלגישע בלעטער" אָקטאָבער 1937 און „ריפּאָסט".



וויבאַלד מיר האַלטן די ייִדישע טעמע ווי אַ פונקציע פון ייִדישע קונסט, וואָלטן מיר געדאַרפט באַצייכענען אַ גרויסע צאָל ווערק פון נישט־ייִדן מיט דער עטיקעט „ייִדישע קונסט". ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די גרעסטע קינסטלער פון איטאַליענישן רענעסאַנס האָבן גלאָריפיצירט די עפּיזאָדן פון אַלטן טעסטאַמענט. אגב, די גאַנצע קריסטלעכע קונסט איז איבערפולט מיט ייִדישע טעמאַטיק. צי דאַרפן מיר באַטראַכטן מיקעל־אַנזשעלאָס, „משה" אָדער „דוד" ווי ייִדישע קונסט?

בכלל איז ייִדישע טעמאַטיק אַ זייער לאָקנדיקע נישט נאָר פאַר ייִדישע קינסטלער, נאָר אויך פאַר נישט־ייִדישע. מיר ווייסן אויך וואָס פאַראַ צוציאונגס־קראַפט האָט די ייִדישע טעמע געהאַט אין פּוילן ביי באַדייטנדיקע פּוילישע קינסטלער, ווי: גערימסקי, דעמביצקי, אַנדריאָלי (זיינע אילוסטראַציעס צו מאיר עזאָפּאָוויטש פון אָזשעשקאָוואַ) א. א. און נישט איינמאָל טאַקע זענען די בילדער פון די דאָזיקע „גויים", וועלכע זענען געווען אַזוי פאַרליבט אין ייִדישע מאָטיוון, געשטאַנען קוואַליטאַטיוו העכער, ווי געוויסע ווערק פון ייִדישע קינסטלער מיט אַ ייִדישן סיוזשעט.

אויב מיר שטעלן זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון טעמאַטיק, וואָלטן מיר געדאַרפט אָנערקענען, אַז דער גרעסטער ייִדישער מאָלער פון אַלע צייטן איז געווען רעמבראַנדט. ווייל קיין שום קינסטלער אין דער וועלט, איז נישט אימשטאַנד געווען אַזוי צו באַזעליקן די ייִדישע פּערסאָנאַזשן, זיי צו באַהויכן מיט אַזוי פיל מאַגישער קראַפט, אַרויסצוברענגען אַזוי פיל טיפקייט. ער האָט זיי ממש אַרומגערינגלט מיט אַן אוירעאָל פון הייליקייט, פון סובלימקייט. אַ געוויסער מיסטישער אָבער שטילער עקסטאַז שטראַלט אַרויס פון זיינע ווערק, וואָס נעמט אונז אַדורך ביז די טיפסטע טיפענישן פון אונזער ייִדישער נשמה.

און דאָך... איז רעמבראַנדט נישט קיין ייִד, נאָר ווינענדיק צווישן ייִדישן פאָלק אין דעם אַלטן אַמסטערדאַם, האָט ער, אַ דאַנק זיין קינסטלערישן זשעני, אַדורכגעדרונגען דעם סוד פון ייִדישקייט. דאַרפן מיר אים צוליב דעם באַטראַכטן ווי אַ ייִדישן קינסטלער? אָדער ווי אַ קינסטלער וואָס שאַפט ייִדישע קונסט?

אין יעדן פאַל דערגרייכט דאָס ייִדישע ביי רעמבראַנדטן, אַריבערשרייטנדיק די געאָגראַפישע גרענעצן, ביז צום אוניווערסאַלן. אַרויסגעריסן פון זייער שוועריער עקזיסטענץ אין זייער ייִדישן קוואַרטאַל, ווערן זיינע געשטאַלטן פאַרוואַנדלט אין ביבלישע נביאים, מלאכים און העלדן.

דער נישט־ייִד רעמבראַנדט האָט מיט זיין ייִדישקייט אומגעוואָרפן דעם גאַנצן סיסטעם־געבוי פון ייִדישע קונסט, וואָס באַזירט זיך אויף ייִדישע טעמאַטיק, אוממעגלעך געמאַכט יעדע מין קלאַסיפיצירונג.

ווען מיר קלעטערן אַראָפּ פון די הויכע רעמבראַנדטישע ספערן צו נידעריקערע קאַטעגאָריעס, באַגעגנען מיר אין מיטן פון דעם 19־טן יאָרהונדערט אַ ייִדישן מאָלער, מאָריץ אָפּענהיים, וועלכער האָט אונז איבערגעלאָזט אַ רייע בילדער־דאָ־

קומענטן, וואָס אילוסטרירן דאָס יידישע „פאַמיליען־לעבן". נישט קוקנדיק אויף די געטריישאַפט פון איבערגעבן די אַלע פּרטים, לאָזן אונז זיינע בילדער קאַלט. זיי זענען נישט מער, ווי אַ שאַבלאָנהאַפטע, באַנאַלע און קאָנווענציאָנעלע אָפּשפּיגלונג פון דער דורכשניטלעכער דייטשער מאַלעריי פון 19־טן יאָרהונדערט.

איך האָב ספּעציעל אַנטקעגנגעשטעלט די צוויי מאָלערס : דעם האָלענדישן מייסטער, דעם נישט־ייד רעמבראַנדט און דעם דייטשן ייד אָפּענהיים, כדי צו באַווייזן אַז יידישע טעמאַטיק איז נאָך נישט אַלעמאָל יידישע קונסט, אפילו ווען דער קינסטלער איז אַ ייד. און אויב שוין יאָ אַן עטיקעט, האַלט איך רעמבראַנדטס קונסט באַדייטנדיק מער יידיש ווי די קונסט פון מאָריץ אָפּענהיים.

יידישע קונסט דאַרף זיך אויסדריקן, לויט מיין מיינונג, אין דער ספּעציפיש־יידישער פאָרם, וואָס זאָל זיין באַהויכט פון אַ יידישן גייסט. יידישע טעמאַטיק קאָן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, צוגעבן אַ סך און זיין דער בוי־שטאָף פון דעם ווערק, אָבער יידישע טעמע אַליין איז נישט דעצידירנד. און דאָך... אויב אין אַמאָליקן פוילן, ווען ס'האָט געלעבט דאָס גרויסע יידנטום, האָבן עקזיסטירט אַזעלכע קינסטלער ווי : מאָוריצי גאָטליב, פּיליכאָווסקי, הירשענבערג, טרעמבאַטש, וויינלעס, מינקאָווסקי, רעגינאַ מונדלאַק, וואָס האָבן אין זייערע ווערק אויסגעדריקט יידישע ליידן און פריידן; וואָס האָבן יעדער אויף זיין שטייגער פאַרגעשטעלט דאָס יידישע לעבן אין זיין דערהויבנקייט און אויך טאָגטעגלעכקייט און זייער שאַפן איז באַצייכנט געוואָרן ווי יידישע קונסט, איז עס אויך באַרעכטיקט. ווייל צו יענער צייט, ווען מיר יידן האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן אויף דער קונסט־אַרענע פון דער וועלט, האָבן טאַקע די אויבן־אויסגערעכנטע קינסטלער אַריינגעבראַכט אין דער אייראָפּעאישער קונסט אַ נייעם טאָן, טאַקע דורך דער יידישער טעמאַטיק, הגם אין דער פאָרם זענען זיי פאַרבליבן אייראָפּעער.

אויב מיר דער אַמאָליקער יידישער קונסט־אַוואַנגאַרד צווישן צוויי וועלט־מלחמות, האָבן דעמאָלט געהאַט אַנדערע קאָנצעפּציעס פון יידישע קונסט ווי די אויבן אויסגערעכנטע, מוזן מיר אָבער היינט, נאָך דעם, ווי דאָס פוילישע יידנטום איז אָפּגעמעקט געוואָרן, צוגיין צו זייער אָפּשאַצונג מיט אַ גאָר אַנדערן קריטעריום. דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען רעאַליטעט און לעבן, איז היינט נישט מער ווי אַ חלום, אַ ווונדערבאַרער חלום. און אין דעם חלום שטייען זיי אָט די אַלע קינסטלער־פּאָעטן, וואָס האָבן פאַראייביקט אויף זייערע לייוונטן די אומשטערבלעכקייט פון דעם אונטערגעגאַנגענעם פּוילישן יידנטום, ווי די איינציקע לעבעדיקע עדות פון יידישן קינסטלער־דור, וואָס האָט טאַקע בייגעשטייערט צום רומפולן קאַפּיטאַל יידישע קונסט. היינט, ווען דאָס פּוילישע יידנטום, מיט זיין גאַנצער גייסטיקער רייכקייט איז נישט מער פאַראַן, מוזן מיר אַדורכפירן אַ געוויסע רעוויזיע פון אונזערע ביזאַיצטיקע באַגריפן.

יידישע קונסט געפינט זיך היינט אויפן קרייצוועג. מיטן פאַרשווונדן



פון פּוילישן יידנטום איז אויך פאַרשוווּנדן דער גרויסער, אומדערשעפּבאַרער קוואַל פון גייסטיקע אינספּיראַציעס. ס'איז אַנטשטאַנען מדינת־ישראל. צי וועלן מיר דאָרט שאַפן אַן איינענע יידישע קונסט ? די צוקונפט גופא וועט אונז דערויף געבן אַן ענטפער, און לאָזן מיר האָפן אַ פּאָזיטיוון. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ווי גרויס אונזערע נאַציאָנאַלע אַמביציעס אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן אין אונזער ניי־דעראָבערטן לאַנד זאָלן נישט זיין, וועלן מיר נאָך לאַנגע יאָרן ציען די יניקה פון דער גרויסער קולטור־ירושה פון אונזער אַלטן גלות. און אפשר וועט אַמאָל געשאַפן ווערן — אין דער ווייטער צייט־פּערספּעקטיוו — אמתע גראַנדיעזע ווערק, וואָס וועלן אין אַ קינסטלערישער פאָרם געבן דעם סינטעז פון אונזער אַמאָליקן לעבן, פון אונזער גרויסער פאַרשווונדענער יידישער ציוויליזאַציע אין מזרח־אייראָפּע.



העניק בערלעווי — דער ייד מיטן אתרוג

(קאָלעקציע ז. גאָנאָפּאָלסקי)